# דברים חוצבים להבות אש

## מכ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

### שנשמעו בעת מעמד פתיחת שערי בית מדרשינו, ליל ששי פ' שמיני תשע"א לפ"ק

א גוטן אוועט אייך אלע, אהובים ידידים, חסידים ואנשי מעשה, תלמידים פונעם פעטער ז"ל, תלמידים פונעם טאטן ז"ל, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט צו א חינוך פונעם נייעם בית המדרש אין אנטווערפען.

ס'איז א גרויסע שמחה אז מען האט זוכה געווען צוצוקומען צו דעם טאג, אזוי ווי מיר געפונען די וואך אין די סדרה, אז ס'איז געווען א גרויסע שמחה ווען ס'איז געווען חנוכת המשכן, אותו היום היתה שמחה לפני הקב"ה וגו' (מגילה י:), ס'איז געווען א געוואלדיגע שמחה פאר'ן הייליגן באשעפער ווען מ'האט זוכה אויפגעשטעלט די משכן, די זעלבע איז **בכל עת ובכל זמן ווען מען שטעלט אויף א מקדש מעט, איז עס א גרויסע שמחה בשמים און א גרויסע שמחה בארץ**, ממילא וויל איך מיך משתתף זיין אין ענקער שמחה אין די געוואלדיגע שמחה, דער אייבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין א שמחה עולמית.

מיר געפונען אין פסוק די וואך בשעת ס'איז געווען די גרויסע שמחה ביי די חנוכת המשכן, שטייט אין פסוק אז משה רבינו און אהרן כהנא קדישא האבן געבענטשט כלל ישראל צו די שמחה "יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם" אזוי ווי רש"י ברענגט עס אראפ, האב איך געקלערט דא אזא הייליגע ברכה ווען מען שטעלט אויף א מקום קדוש, אז מ'זאל טאקע זוכה זיין צו השראת השכינה אין דעם מקום וואס מען האט מייחד געווען פאר תורה און פאר תפלה, **דער אייבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין דארט אין ביהמ"ד אהבה ואחוה שלום וריעות, ממילא דאס איז דער ערשטער יסוד צו השראת השכינה, אז ס'איז דא א שלום וריעות אין ביהמ"ד צווישן אלע מתפללים און אלע לומדים, דאס איז א געוואלדיגע יסוד, און דאס איז דער יסוד אז ס'זאל נתקבל ווערן די תפלות ברחמים וברצון פאר'ן הייליגן באשעפער.**

מען זאל זעהן צו האלטן דאס ביהמ"ד ווי א מקום קדוש, קדושת ביהמ"ד איז זייער גרויס, בשעת מען קומט אין ביהמ"ד דאווענען דארף מען וויסן אז מ'שטעלט זיך דאווענען פארגעסט מען פון אלע עניני עולם הזה און פון אלע ענינים, מ'איז זיך מדבק אין הייליגן בורא מיטן עבודה שבלב זו תפלה, **בשעת מען דאווענט מען זאגט קדיש צו קריאת התורה, זאל מען וויסן און מאכן געוואלדיגע גדרים וסייגים אז מען רעדט נישט ביים דאווענען**, דאס איז בבחינת סור מרע.

די בחינה פון עשה טוב איז אז **די תפלות זאלן טאקע זיין מיט אן התלהבות און מיט השתפכות הנפש מיט א ברען מיט א דערהויבנקייט אזוי ווי ס'פאסט זיך פאר חסיד'ישע אידן**. תלמידים פון בעל שם טוב הקדוש האבן אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות אין תפלה אז עס זאל זיין א געהויבן דאווענען, ס'זאל זיין אזוי ווי חסיד'ישע אידן דאווענען, מ'גייט אין מקוה מ'מאכט אן הכנה דרבה און מ'שטעלט זיך דאווענען און מ'האט נישט אינזין גארנישט נאר דעם הייליגן בורא, דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל קענען אנגיין און אזוי ממשיך זיין סיי אינדערוואכן, און מכל שכן שבת קודש ווען ס'קומט נאך צו קדושת שבת, דאס דאווענען זאל זיין ביתר שאת מיט מער התרוממות הנפש מיט מער געהויבנקייט ביי אלע תפלות שבת קודש.

**ובפרט בעת רעוא דרעוין ווען ס'קומט צו סעודה שלישית, מ'קומט זיך צוזאם און מ'זינגט זמירות, דער גאנצער ציבור זאל זיך צוזאם זעצן ביים טיש, און נישט שמועסן נאר צוזאמען זינגען זמירות שירות ותשבחות פארן הייליגן באשעפער**, מען געזעגענט זיך פון שבת קודש מיט א כיסופין מיט א געהויבנקייט אזוי ווי חסידים האבן זיך אלעמאל געפיהרט מקדמת דנא.

א גרויסער יסוד אין ביהמ"ד איז אז ס'זאל זיין קביעות עתים לתורה ביי יעדן איינעם, זקנים ונערם בעלי בתים ואברכים, אפילו די וואס לערנען אין כולל זאלן זעהן צו קומען ערב ובוקר מיט א קביעות צו קומען אין ביהמ"ד, **דער יסוד פון א בית המדרש איז קביעת עתים לתורה, דער יסוד פון א בית המדרש פון חסיד'ישע אידן איז מ'זאל זיצן און לערנען,** לערנען און דאווענען און דינען דעם הייליגן באשעפער, **אזוי אז ס'זאל ניכר זיין דאס התנהגות פון יעדן איינציגן מתפלל, ס'זאל זיך דערקענען דעם תורתו מכרזת עליו מבחוץ, ס'זאל זיך דערקענען אויף אים אין אלע ענינים,** ווען מ'עסט און מ'איז עוסק אין דברים גשמיים, ווען מ'איז עוסק אין משא ומתן ס'זאל זיין משא ומתן באמונה. מ'זאל פיהרן שיינע ערליכע אפגעהיטענע הייזער, חסיד'ישע הייזער צניעות'דיגע שטיבער, כראוי לתלמידיהם פונעם פעטערט זכרונו לברכה וואס האט מייסד געווען די קהילה, און פון טאטן זכרונו לברכה וואס ער האט אזויפיל כוחות אוועקגעגעבן פאר אלע אנשי שלומינו בכל אתר ואתר, זכותם יגן עליכם דער אייבערשטער זאל הלעפן זייער זכות זאל מגין זיין אויף ענק אז עטס זאלטס מצליח זיין, דער ביהמ"ד זאל זיך קענען פיהרן לאור תורתם אזוי ווי זיי האבן אונז געלערנט אזוי ווי זיי האבן אונז מדריך געווען ווי אזוי מ'זאל זיך פירן, ווי אזוי אן ערליכער חסיד'ישע ביהמ"ד זאל זיך פירן.

מען זאל שטענדיג האלטן פאר די אויגן וואס זיי האבן געמאנט און וואס זיי האבן געפאדערט און וואס זיי האבן אונז מדריך געווען, נישט אפטרעטן כי הוא זה נישט, נישט אין דעות נישט אין השקפות, האלטן זיך מיט ערליכע ריינע השקפות, איבעראל איז דאס געזאגט געווארן און אין אנטווערפען בפרט - ווי ס'איז דא א גרויסע בלבול המוחות אפילו צווישן ערליכע אידן - דארף מען זיך אויך האלטן נישט נשפע צו ווערן פון די ציוניסטישע גאס נישט נשפע צו ווערן פון די מאדערנע גאס, נאר האלטן זיך אויפן ריכטיגן דרך אזוי ווי מ'האט אונז געלערנט, מ'זאל אזוי מדריך זיין סיי חינוך הבנים און סיי חינוך הבנות, מ'זאל זיי קענען מדריך זיין צו די תורה און צו יראת שמים און צו מידות טובות און צו אלעם גוטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן עטס זאלטס האבן אסאך סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט. אוודאי דארף מען געבן אן הכרת הטוב פאר אלע עסקנים וואס האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ובנפש, די אלע אידן עושי צדקה וחסד וואס האבן זיך געלאזט קאסטן געלט, סיי אין אנטווערפען און סיי אין אנדערע מקומות האבן זיי צוגעהאלפן, המקום ישלם שכרם דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן פאר אלע זייערע גוטס וואס זיי האבן געטאן.

דער ביהמ"ד דארף טאקע זיין מיוסד אויף די ג' עמודי עולם תורה עבודה וגמילות חסדים, מ'זאל טוהן חסד איינער מיטן צווייטן, איינער זאל אינזין האבן דעם צווייטן, טאמער פעלט עפעס ביי א צווייטן זאל ער אינזינן האבן וואס מ'קען ארויסהעלפן בגשמיות וברוחניות.

**מ'איז יעצט מחנך דאס ביהמ"ד ס'איז א בחינה פון 'והיה ראשיתך מצער', אבער מיטן אייבערשטען'ס הילף וועט עס זיין 'ואחריתכם ישגה מאד', ס'וועט זיין - דער אייבערשטער וועט העלפן - א בית המדרש שיין און הערליך כראוי ונכון אזוי ווי ס'פאסט זיך פאר א סאטמארער בית המדרש אין אנטווערפען, מיטן אייבערשטער'ס הילף ווען דאס ביהמ"ד וועט נגמר ווער האף איך אויך צו קענען זיך באטייליגן אין ענקער שמחה ווען ס'וועט זיין אי"ה די חנוכת הבית,** דער אייבערשטער זאל שיקן א ברכה און הצלחה, א ברכה כללית און א ברכה פרטית פאר יעדן איינעם פאר אלע מתפללים. דער אייבערשטער זאל העלפן אז יעדער איינער זאל זיין געזונט בבריאות השלימות, מ'זאל האבן פרנסה בהרחבה גדולה, מ'זאל האבן סייעתא דשמיא אין אלעס וואס מ'טוט, מיט אסאך תענוג ונחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, דער זכות פונעם פעטער ז"ל און פונעם טאטן ז"ל זאל ענק ביישטיין אויף אלע ענינים, דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל נתקבל ווערן ענקערע תפלות ברחמים וברצון לפני אדון כל, און עטס זאלטס זוכה זיין עוסק צו זיין אין ביהמ"ד אין תורה ומצוות מתוך הרחבת הדעת ונחת דקדושה מיט אלעם גוטן, עדי נזכה ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די הבטחה וואס חז"ל זאגן אונז צו עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל שיקבעו בארץ ישראל, דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין בקרוב אקעגן צו גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.